און בּאַוואונדערט צו ווערן אין אַלע מאמינים—
ווייל אונזער עדות־זאָגן איז פון אייך געגלויבּט
11 געוואָרן—אין יענעם טאָג. דערפאַר טון מיר
אויך תמיד מתפלל זיין פאַר אייערטוועגן, כדי אונזער
גאָט זאָל אייך מאַכן ראוי פון דעם רוף, און
דערפילן מיט מאַכט יעדן בּאַגער (אייערן) צום
12 גוטן און (יעדע) טאַט פון אמונה; כדי דער
נאָמען פון אונזער האַר ישוע זאָל פאַרהערלעכט
ווערן אין אייך, און איר אין אים, לויט דעם חסד
פון אונזער ג־ט און דעם האַר ישוע המשיח.

## קאַפּיטל צוויי

1 מיר בּעטן אייך אָבּער, בּרידער, וועגן דעם קומען
פון אונזער האַר ישוע המשיח און אונזער
2 פאַרזאַמלען זיך בּיי אים, אַז איר זאָלט זיך נישט
לאָזן גיך בּאַוועגן אין אייער פאַרשטאַנד, און נישט
דערשרעקן, נישט דורך קיין גייסט, נישט דורך
קיין וואָרט, נישט דורך קיין בּריוו ווי פון אונז,
גלייך ווי דער טאָג פון דעם האַר וואָלט שוין דאָ
3 געווען; זאָל אייך קיינער נישט פאַרפירן בּשום
אופן; ווייל (ער וועט נישט קומען) אויבּ עס וועט
נישט קודם כל קומען די אַפּקערונג (פון אמונה),
און דער מענטש פון זינד וועט אַנטפּלעקט ווערן,
4 דער בּן־האבדון, וועלכער שטעלט זיך אַקעגן
און דערהייכט זיך איבּער אַלעם, וואָס מען
רופט ג־ט אָדער עבודה; אַזוי, אַז ער וועט זיך
אַנידערזעצן אין דעם היכל פון ג־ט, בּאַווייזנדיק
5 זיך, אַז ער איז ג־ט. צי געדענקט איר דען נישט,
אַז בּשעת איך בּין נאָך געווען בּיי אייך, האָבּ איך
6 אייך דאָס געזאָגט? און איצט ווייסט איר, וואָס